בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת וישלח תשע"ז

גליון 388 [שנה ט']

**מלאכים ממש און מלאכים סתם**

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל־עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר שְׂדֵה אֱדוֹם: (לב ד) זאגט רש"י מַלְאָכִים: מַלְאָכִים מַמָּשׁ, פרעגן אלע וואס וויל רש"י מיטן ווארט מַמָּשׁ? נאר עס שטייט ענדע פון פ' ויצא וַיִּקְרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם: (לב ב) זאגט רש"י מַחֲנָיִם מיינט צוויי מחנות: איין מחנה פון מַלְאֲכֵי חו"ל וואס האבן באגלייט יעקב ביז דא, און מַלְאֲכֵי א"י וואס זענען געקומען אנקעגן יעקב און דער הסבר אז מלאכים פון חו"ל טארן נישט אריינגיין אין א"י און מלאכים פון א"י טארן נישט ארויס גיין פון א"י, און די ראי' איז פון וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים, עֹלִים וְיֹרְדִים בּוֹ. (כח יב) זאגט דארטן רש"י מלאכים שליווהו בארץ אין יוצאים חוצה לארץ ועלו לרקיע, וירדו מלאכי חוצה לארץ לְלַוֹּתוֹ. אויב אזוי שטעלט זיך די קשיא ווי אזוי שטייט וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים, וואס איז משמע אז ער האט געשיקט מלאכים וואס זענען געווען מיט אים אין א"י קיין חו"ל צו אדום, און ווי געזאגט פריערט מלאכים פון א"י מעגן נישט גיין קיין חו"ל און אויך פארקערט? נאר מען קען זאגן אז עס זענען דא צוויי סארטן מלאכים, איינס איז מלאכים וואס ווערן באשאפן פון די מצוות און מעשים טובים וואס דער מענטש טוט וואס די מלאכים באגלייטן דעם מענטש, און די מלאכים מעגן נאר גיין וואו זיי זענען באשאפן געווארן אדער אין חו"ל אדער אין א"י, אבער עס זענען דא מלאכים קבועים אזוי ווי מיכאל, גבריאל, וכו' וואס זיי מעגן גיין אומעטום און די מלאכים קבועים, ווערן אנגערופן מלאכים ממש און נישט וואס איז באשאפן פון מצוות. ממילא איז גוט וואס רש"י זאגט: ממש, טאקע צו פארענטפערן ווי אזוי האט יעקב געקענט שיקן מלאכים קיין חו"ל צו אדום. (אבן ישראל הגאון ר' ישראל יעקב פישר זצ"ל)

לפי דברי הגאון הנ"ל קען מען מחדש און מסביר זיין וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹקִים זֶה וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם: (לב ב–ג) וואס לכאורה איז דא א דיוק פארוואס דארף די הייליגע תורה זאגן אז יעקב האט אנגעטראפן מַלְאֲכֵי "אֱלֹקִים" און נישט וַיִּפְגְּעוּ בוֹ מַלְאָכִים סתם? און וואס איז דער ענין פון מַחֲנָיִם צוויי מחנות? נאר לויט ווי פריערט געזאגט אז עס זענען דא מלאכים קבועים וואס מעגן גיין אין די גאנצע וועלט, קען מען אויך זאגן אז זיי זענען אנגערופן "מַלְאֲכֵי אֱלֹקִים", וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפן, און נישט מַלְאָכִים סתם, פון די מצוות פון מענטש. און יעצט איז גוט מַחֲנָיִם צוויי מחנות ווייל דא האט יעקב געזען הן די מלאכי אלקים, די קבועים, און הן די מלאכים פון זיינע מצוות. (שמח זבולון תשע"ז)

**ווי אזוי איז געווען ותרי"ג מצות שמרתי?**

כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם־לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד־עָתָּה: (לב ה) זאגט רש"י ותרי"ג מִצְוֹת שמרתי, אלע פרעגן ווי קען זיין אז יעקב האט מקיים געווען אלע תרי"ג מִצְוֹת? נאר דער הייליגע טאטע– **דער בני יששכר**– האט דערציילט פון הייליגן בעש"ט וואס איז אמאל געווען אין א שטוב פון א גוי וואס האט געהאט עו"ז און נאכן ארויסגיין האט דער בעש"ט געזאגט פאר די תלמידים אז ער איז בשמחה ווייל אין די צייט האט ער מקיים געווען כל התורה כולה, ווייל עו"ז איז ווי צואה וואס מען טאר נישט טראכטן בדברי תורה ממילא אז מען היט די מחשבה און האלט זיך איין איז דאס גערעכנט ווי מען האט מקיים געווען כל התורה ע"כ דברי הבעש"ט. דאס האט יעקב געזאגט עִם־לָבָן גַּרְתִּי, וואס איז א הויז פון עו"ז און מען טאר נישט טראכטן אין לערנען דעריבער וועגן דעם נישט טראכטן בתורה, ותרי"ג מִצְוֹת שמרתי, איז גערעכנט כאילו איך האב מקיים געווען אלע מִצְוֹת. (צמח דוד דינוב)

**זאג עס וועט זיין גוט, וועט זיין גוט**

וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ: (ל"ב י"ג) פארוואס איז דא די כפל הלשון הֵיטֵב אֵיטִיב? נאר עס שטייט אין די הייליגע ספרים אז אויב א מענטש גלויבט אז וואס דער אויבערשטער טוט מיט אים איז פאר זיין גוט'ס, אזוי ווי עס שטייט "וְכָל מַה דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד", דעמאלטס וועט זיין גוט פאר אים! דאס מיינט, וְאַתָּה אָמַרְתָּ, אויב דו וועסט זאגן הֵיטֵב. אז כָּל מַה דְּעָבִיד רַחְמָנָא לְטַב עָבִיד, אז אלעס איז גוט, אֵיטִיב עִמָּךְ, וועט שוין זיין גוט פאר דיר באמת. (דברי ישראל מאדזיץ)

**יעקב איז געגאנגען תפילין בלילה!**

וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד עֲלוֹת הַשָּׁחַר: (לב כה) שטייט אין ראשית חכמה (שער הקדושה פרק ו) פון תנא דבי אליהו: רצה –השר– להרגו ולא היה בו כֹּחַ מפני שיעקב אָבִינוּ היה מזויין תפילין בראשו ובזרועי וציצית בְּבִגְדוֹ (לב כז) וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וגו'. לכאורה איז שווער ווי אזוי האט יעקב געגאנגען תפילין ביינאכט ווען עס איז געפסקנט אין שו"ע (או"ח סי' ל' סעיף ב) אסור להניח תפילין בלילה שמא ישכחם ויישן בהם. ווייל מען וועט איינשלאפן מיט די תפילין און דאס איז אסור וועגן היסח הדעת! נאר עס איז דא א היתר אויב מען האט דאס אנגעטאן בייטאג מעג מען עס גיין ווייטער ביינאכט בדיעבד אבער דאס אנטאן בלילה איז אסור, און מען איז מסביר אז דוקא ביי סתם א מענטש וואס מען האט מורא אז ער וועט איינשלאפן מיטן תפילין אבער רש"י ברענגט וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא: (בראשית כח יא) הַהוּא איז א מיעוט אז דוקא דארטן איז ער געשלאפן ביינאכט, אבער די יארן פון ישיבת עבר איז ער נישט געשלאפן, און שטייט אין מדרש (בראשית רבה סח יא) כַּאן שָׁכַב אֲבָל כָּל עֶשְׂרִים שָׁנָה שֶׁעָמַד בְּבֵיתוֹ שֶׁל לָבָן לֹא שָׁכַב, ממילא זעט מען אז יעקב האט געקענט מתגבר זיין אויף זיין שלאף אסאך יארן, ממילא האט יעקב געמעגט גיין מיט תפילין ביינאכט ווייל מיר זענען נישט חושש אז ער וועט איינשלאפן. וועגן דעם איז ער געגאנגען תפילין ביינאכט און זיי זענען געווען א שמירה פאר אים. (בית ישראל השלם למוח"ז האדמו"ר ממאטערסדארף זצוק"ל)

## לכבוד ההילולא של כ"ק אדמו"ר ר' יוחנן מסטאלין זצוק"ל כ"א כסלו תשט"ז

"אזוי וויא כלל ישראל איז נצחיות אזוי איז סטאלין א נצחיות". מפי הרה"ק ר' יוחנן מסטאלין פערלאוו זצוק"ל. לכבוד זיין יארצייט כ"א כסלו וועלן מיר אביסל באשרייבן דעם הייליגן צדיק וואס איז געווען גאר גרויס. די צדיקים האבן אים גאר הויך געשעצט אבער ער איז אוועקגעלאפן פון אלע סארט פירסום, זאגענדיג "פירסום שאט"! דער רבי ר' יוחנן זצוק"ל איז געווען דער זעקסטע זון פון הייליגן פראנקפורטער הרה"ק ר' ישראל מסטאלין זצוק"ל און ווי די וועלט רופט אים דער ינוקא - ווייל ער האט אנגעהויבן צו פירן ווען ער איז געווען אלט פיר מיט א האלבן יאר- זיע"א, ר' יוחנן איז געבוירן געווארן ז' מנחם אב תר"ס און מען האט אים געגעבן א נאמען יוחנן נאך זיין הייליגן זיידן הרה'ק ר" יוחנן מרחמאסטריווקא זיע"א. [וואס איז געווען דער טאטע פון הרה"ק ר' דוד מזלאטיפול דער שווער פון הייליגן פראנקפורטר זיע"א] דער טאטע האט געזאגט אויף אים שופריה דר' יוחנן, ווען דער פראנקפורטער האט זיך געגרייט צו פארן אויף זיין לעצטע נסיעה פאר זיין הסתלקות ב' דר"ה תרפ"ב האט ער זיך געזעגנט פון זיין רביצין און האט שטארק געוויינט און פונקט דעמאלטס איז אריבער דער רבי ז"ל האט ער צו איר געזאגט "אז מיר האבין אראפ געברענגט אזא נשמה אויף דער וועלט איז אויך גענוג". אפילו ער איז געווען דער יונגסטער זון פון פראנקפורטער אבער זיין טאטע האט געזאגט אויף די קינדער ומברכין ומשבחין וכו', און אויף רבי יוחנן ז"ל

האט ער געזאגט וממליכין, און טאקע ער האט גענומען די מלוכה און דאס איבערגעפירט ווייטער ביז צום היינטיגן טאג.

איינמאל איז דער רבי געפארן מיט זיין געטרייע גבאי ר' ליפא מרגליות ע"ה פון שטאט דובנא קיין לויצק מיטן באן, ווען דער רבי זאגט ר' ליפא ער פילט זיך נישט גוט ר' ליפא ווערט צוטומעלט און ווייסט נישט וואס צו טאן ווי טרעפט מען א דאקטער אויפן באן? און אזוי ווי פון הימל אראפ קומט א אפיצער פון די ארמיי און האלט א טאש און זעט ווי ר' ליפא איז אויס מענטש! פרעגט ער אים וואס איז געשען? זאגט ער אז דער רבי פילט נישט גוט און מען דארף א דאקטער! זאגט דער אפיצער, "דאגה נישט איך האב זיך געלערנט ווי צו היילן מענטשן און גייט צו צום רבין און באהאנדלט אים און דער רבי ווערט א ביסל בעסער! פרעגט דער רבין פאר ר' ליפא צו ער האט באדאנקט דעם דאקטער? זאגט ער ניין! און ער לויפט שנעל זוכן דעם דאקטער און טרעפט אים נישט, דער רבי האט געהאט א שווערע יאר און זיך נישט געפילט גוט.

אבער א צוויי יאר שפעטער ווען דער רבי האט זיך שוין געפילט בעסער איז ער געווען אין דובנא און מוצאי שבת נאכן זאגן אליהו'ס און דער רבי ז"ל הייסט דעם עולם זיך גיין וואשן און זאגט צו ר' ליפא ער וויל גיין מיט אים אויף א שפאציר, אין מיטן וועג קומט זיי אנקעגן א איד אנגעטאן מיט א גארטל און זאגט א גוטע וואך קינדערלאך! און דער רבי ענטפערט א גוטע וואך! און דער איד ווערט נעלם, פרעגט ר' ליפא ווער איז געווען דער אינטרעסאנטער איד? ענטפערט דער רבי דאס איז געווען דער זעלבער אפיצער וואס האט אונז אויסגעהיילט אויפן באן, ר' ליפא האט שוין פארשטאנען אז ער האט זוכה געווען צו זען אליהו הנביא. אסאך איז דא צו שרייבן אויף זיין קורצע ווילע אויפן עולם, און זיין מסירת נפש פירן דעם סטאלינער חדר נאכן חורבן, כ"א כסלו תשט"ז האט מען אים צו גענומען אין מיטן די הייליגע ארבעט און מנו"כ איז אין טבריה ליד הרה"ק ר' מענדל מוויטעפסק זצוק"ל, [וואס דאס איך אויך געווען א נס], זיע"א.

## **** מדור העובדות ****

### דער גביר האט זיך משדך געווען מיט איינע פון די ל"ו צדיקים

הרה"ק ר' לייב שרה'ס זצוק"ל [נס' ד' אדר תקנ"א] פלעגט ארום פארן שאפן געלט כדי אויסהאלטן די ל"ו צדיקים און נאכדעם וואס ער איז נסתלק געווארן איז די הייליגע ארבעט אריבער צום הייליגן מגיד פון טשערנאביל הרה"ק ר' מרדכי, זון פון הייליגן מאור עינים, און איידעם פון הרה"ק ר' אהרן הגדול מקארלין זיע"א. דער מגיד האט געהאט א נאנטער חסיד און א גביר ר' חיים מענדל, ער איז געווען א גרויסער שטיצער פון מגיד און ווייל ער האט זייער ארויסגעהאלפן, האט ער זוכה געווען צו א ווארעמע נאנטקייט פון רבין. זיין עשירות איז געווען גאר גרויס מיט וועלדער און פעלדער און אסאך קרעטשמע'ס און ווייל ער איז אויך געווען א גוט הארציגע האט ער געגעבן פאר אסאך אידן פרנסה אין זיינע געשעפטן. ר' חיים מענדל האט פארמאגט א ריזיקן וואלד און האט געשטעלט א שומר אויף דעם, ברוך לייב האט ער געהייסן. זייער א אינטרעסאנטער מענטש, ווייניג גערעדט און נישט באוויזן עפעס מדריגות, אבער איז געווען א ירא שמים בתכלית.

דער מגיד פלעגט ארום פארן צו די שטעטלאך און שאפן געלט און אזוי פלעגט ער יעדע יאר אנקומען אין שטאט פון ר' חיים מענדל. דעמאלטס איז געווארן א יום טוב ביי אים אין שטאט, יעדער האט געברענגט זיין נדבה און אזוי האט מען געקענט רעדן מיטן רבין און אויך בעטן פון אים ברכות און עצות. דער מגיד האט געזאגט פאר ר' חיים מענדל אז אפילו ער ווייסט אז ער קומט כסדר קיין טשערנאביל און קען דעמאלטס ברענגען זיין הארציגע נדבה, פונדעסטוועגן וויל ער קומען ביי זיין שטאט דאס אפנעמען. אזוי איז אנגעגאנגען יארן און ר' חיים מענדל נעמט אויף דעם מגיד און גיט זיין נדבה און בעט נישט דעם רבין א בקשה ווייל ער האט אלעס געהאט.

איין יאר בשעת דער מגיד איז געווען ביי ר' חיים מענדל זאגט ער פארן רבין ער האט דאס מאל צוויי בקשות פון רבין! דער רבי רופט זיך אן אז ער קען בעטן! און ר' חיים מענדל זאגט אז העלפט ארויס דעם רבין שוין אסאך יארן פאר די ל"ו צדיקים וויל ער זוכה זיין צו זען איינע פון זיי! און צווייטנ'ס, ווייל ער האט איין אייניציגסטן זון, שלום שכנא, וואס איז זייער א געלונגענער, א תלמיד חכם און האט גוטע מדות, און מען רעדט פאר אים די שענסטע שידוכים, די פיינסטע מיידלאך פון די רייכסטע שטיבער, אבער זיין זון וויל נישט הערן פון זיי. ער וויל נאר די טאכטער פון ברוך לייב דער שומר פון מיינע וועלדער. אמת אז זיין טאכטער איז זייער פיין און וואלט געפאסט פאר מיין חשובן זון לויט זיין פיינקייט, אבער דער טאטע איז א פשוטער מענטש, דער טאטע קומט קיינמאל נישט צו די דרשות פון רב פון שטאט, מוז ער זיין א עם הארץ, און די גמ' זאגט מען זאל נישט נעמען א טאכטער פון א עם הארץ, ממילא וויל ער אז דער רבין זאל אים זאגן ווער איז די ריכטיגע זיווג פון זיין זון!

דער מגיד טראכט א פאר מינוט און זאגט: אויף צו קענען זען די ל"ו צדיקים איז פאר מיר שווער, ווייל איך מוז זיי בעטן רשות און זיי וועלן נישט מסכים זיין. און אויף דיין שאלה ווער איז דיין זון'ס זיווג, איז אויך שווער פאר מיר ווייל מען דארף א אורים ותומים פאר דעם. אבער איין זאך קען איך דיר ערלויבן, אויב דו ביזט גרייט זיך מקדש און מטהר זיין וועל איך דיר איינלאדענען צו מיין סדר און וועסט זוכה זיין צו זען אליהו הנביא! ר' חיים מענדל זאגט ער איז גרייט אלעס צו טאן. דער רבי האט אים געגעבן א הדרכה און געזאגט ער זאל קומען קיין טשערנאביל צוויי חדשים פאר פסח און זיך גוט אנגרייטן!

דאס איז געווען אנפאנג ווינטער און ר' חיים מענדל האט זיך גענומען צו די ארבעט מיט זיך אנגרייטן און זיך הייליגן. צוויי חדשים פאר פסח איז ער אנגעקומען צום רבין און זיך געזעצט אין שול מאכן די הכנה. ר' חיים מענדל איז פול מיט פחד און קען שוין נישט ווארטן ביז די נאכט פון סדר. ביים סדר איז געווען א דערהויבנקייט מיט די הייליגע קינדער פון מגיד זיצן ארום דעם טיש און ר' חיים מענדל איז נישט אין דעם עולם. די צייט פון שפוך חמתך איז אנגעקומען און דער רבי וועקט אויף ר' חיים מענדל פון שוועבן אין די עולמות און זאגט אליהו הנביא קומט יעצט אריין! און דער רבי זאגט זאלסט אים גוט אנקוקן ווייל אליהו הנביא וועט זיך פארשטעלן ווי איינע פון די ל"ו צדיקים!

ר' חיים מענדל ווארפט זיך פון פחד און זעט ווי אליהו הנביא איז אריינגעקומען און זיין פנים איז געווען נישט אנדערש ווי פון ברוך לייב זיין וואלד שומר, און אליהו הנביא גייט ארויס. ר' חיים מענדל האט געחלש'ט. נאכן זיך דערמינטערן האט מען געענדיגט דעם סדר. אינדערפרי פרעגט דער מגיד צו ר' חיים מענדל אויב ער האט געקוקט אויפן פנים פון אליהו הנביא און וואס האט ער געזען? האט ער גענטפערט אז דער פנים איז געווען פון ברוך לייב! פרעגט אים דער רבי צו זיינע בקשות זענען שוין דערפילט? ר' חיים מענדל פארשטייט נישט וואס דער רבין מיינט! האט אים דער מגיד געזאגט אז ביידע בקשות זענען געענטפערט געווארן מיט איינמאל: האסט זוכה געווען צו זען פון די ל"ו צדיקים און אויב דיין זון וויל זיך משדך זיין מיט די טאכטער פון ברוך לייב, מיין איך אז דו ביזט שוין אויך מסכים צו אזא שידוך!

ר' חיים מענדל זאגט אוודאי איז דאס פאר מיר א זכיה זיך משדך זיין מיט איינע פון די ל"ו צדיקים! זאגט אים דער מגיד אז דו טארסט נישט דערציילן פאר קיינעם אז ברוך לייב איז פון די ל"ו צדיקים. און אפילו מענטשן וועלן זיך וואונדערן פארוואס דו האסט זיך משדך געווען מיט אזא פשוטער מענטש זאלסט נישט ענטפערן פארוואס! נאך פסח איז דער שידוך געווארן מיט שלום שכנא און די טאכטער פון ברוך לייב. מען האט באשטימט די זמן חתונה. די גאנצע שטאט איז געקומען מיט בגדי שבת צו די חתונה אבער דער מחותן ברוך לייב איז געקומען מיט זיין פשוטע בגדים און נישט ארויס געוויזן ווער ער איז! ר' חיים מענדל איז געווען גליקלאך מיט אזא מחותן. די חתונה אז געפראוועט געווארן מיט גרויס שמחה. אויף צו מארגנ'ס האט ר' חיים מענדל באקומען א ידיעה אז ברוך לייב איז אוועק פון זיין ארבעט און געשיקט בעטן ר' חיים מענדל צו שטעלן א נייע שומר אנשטאט אים. ר' חיים מענדל האט שוין פארשטאנען אלעס וואס גייט פאר! [ספר בית קרלין סטולין]

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן לפי בקשת הרבים, וועגן שבת קודש, שרייב איך מער נישט קיין פרייזן

זוהר סלאוויטא מצב טוב, תשובה בכת"י פון ערבי נחל, ליקוטי מהר"ן דפוס ראשון, סעט היכל הברכה דפוס ראשון, תיקוני זוהר עם הגהות בעל בני שלישים, א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים, כת"י ר' חיים וויטאל- זיין בר מצוה דרשה, א חיבור פון נתיבות זיין ספר אמת ליעקב, מחזור לימים נוראים ולימים טובים נוסח ספרד דפוס זיטאמיר שנת תרכ"ד זייער זעלטן שיינע מצב און געבונדן, מחזור לשלש רגלים דפוס סלאוויטא מיט גרויסע גליונות, בריוו פון הייליגן חכם צבי, ספר מנחת אשר שלמד בו מרן הדברי יואל, ספר יער אוזן להחיד"א מיט פול הגהות א חכם דב"ש און הגאון ר' חיים סתהון, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ם זצוק"ל, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ**. א בריוו פון דעם קרבן נתנאל, ספר אוצר הרבנים, ספר פנקס המוהל של החת"ם סופר, בריוו פון הרה"צ ר' ישראל אדעסע, אדמו"ר מקאפישטניץ ר' אברהם יהושע העשיל. ר' יחזקאל ליבשיץ בעל המדרש והמעשה און אויך זיין ברודער ר' הילל, זייער אינטרעסאנט תוכן, מגן אברהם טריסק, מגן דוד, ברכת דוד טאלנא, מענה לשון זיטאמיר, **אינטרעסאנטע ידיעה אויף זמירות לשבת קודש - מה יפית וועט זיין נאך חנוכה**

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM*** מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת